# צו סינסינעטער אידען

## פארלאזענדיג די שטאט וויל איך ערקלעהרען די אורזאכען פארוואס איך גיי אוועק פון סינסינעטי

איך גיי ניט אוועק צוליב דעם וואס איך גיי זוכען מעהרער געלד אדער כבוד, מען האט מיר אין סינסינעטי געגעבען גרויסע שכירות און אלע, אָן אויסנאהמען, האבען מיר בע״ה געגוג כבוד און אכטונג ארויסגעוויזען.

איך גיי אבער אוועק איבער דעם וואס די שטאט איז פארשלאפען, וואס טראץ מיינע גרויסע אנשטרענגונגען האב איך ניט געקענט ברייגגען, לכל הפחות, עטוואס ארדנונג אין אידישען לעבען.

א גרויסער מכשול איז אויך די שנאת חנם און די ענגאָאיסטישע פאליטיק וואס הערשט אין שטאט דאס פארדארבט אלעס וואס מען וויל אונטערנעמען צו טאָן.

עס האבען זיך אויך אריין געמישט מענשען מיט אייגענע פניות. וואס ווילען זיין צודים דגים במים עכורים, און העצען אונטער אזעלכע מענשען וואס פארשטייען ניט, צו טאָן זאכען וואס זיינען נגד הדין ונגד היושר.

ווען די שוחטים, וואס האבען ביז איצט, פשוט ניט געהאט קיין חיונה, האבען זיי באשלאסען צו העכערען די שחיטה פון עופות אויף 10 סענט פאר איין עוף. וואס בילינגער איז שוין ניטא כמעט אין אלע אמעריקאנער אידישע קהלות. און וואס על פי דין איז, דאס א שוחט טאר ניט האבען קיין דאגת חיונה, כמבואר בפוסקים׳ ווייל דאן קען ער ניט האבען די נייטיגע הרגשה, און די שחיטה איז ניט כשר, אלע אמת׳ע רבנים זאָרגען דאפיר דאס שוחטים זאלען האבען חיונה. ווייל אָן דעם ווענדעט זיך די כשרות. און וואס זעהן מיר איצט? דאס אומפעראנטווארטליכע מענשען האבען זיך גענומען די רעכט אונטער צו העצען דאס צו שטערען און צו ברייגגען אַ אנדער שוחט ארויס צו רייסען דעם ביסען ברויט פון 11 ארימע אידען.

און מען קען דאך פארשטיין דאס א איד וואס ביי איהם איז רעכט צו צונעהמען ברויט פון 11 ארימע שוחטים, ווי מען קען זיך פארלאזען אויף זיין שחיטה.

און דאך געפינען זיך פרויען וואס צוליב 5 סענט בילינגער איז רעכט ביי זיי צו געבען שחטין ביי אַ מענשען וואס מען ווייס ניט זיין פערגאנגענהייט, ווי ער האט זיך ביז איצט אויפגעפירט, פארוואס ער איז אוועק פון זיין פריערדיקע שטעלע, און צו ער איז בכלל ראוי צו זיין א שוחט.

### די וואס טוען דאס, און די וואס העלפען אין דעם זיינען עתיד ליתן הדין, זיי וועלען דערפאר דארפען געבען דין וחשבון.

איהר ווייסט אלע דאס איך בין ווייט פון א פניה ח״ו, איהר ווייכט ווי ווייט איך האב געארבייט און געזוכט אוים צובעסערען אין שטאט אלעס וואס איז נוגע דעם יודענטום, און ניט צוליב מיינע אייגענע אינטערעסען ח״ו.

### דאריבער ווען איך פארלאז די שטאט ווארען איך אייך און זאג אייך איהר זאלט היטען די פאָלגענדע ענינים:

איהר מוזט זעהען דאס די תקנה וואס איך האב געמאכט אונצוהייגגען בלאמבעס מיט טיקעטס אויף די געשלאכטע עופות זאל ח״ו ניט בטל ווערען, דאָס איז א גרויסע תקנה פאר כשרות, און דאס איז וויכטיג פאר אייך אין פיל הינזיכטען, היגע שוחטים האבען פאר מיר עדות געזאגט דאס זיי האבען אליין געזעהן, ווי מען פלעגט פריער נעמען דערשטיקטע טשיקנס און דער שווארצער פלעגט זיי איינשניידען אין האלז און מען פלעגט עס פארקויפען אידישע פרויען, דורך די טיקעטס זייט איהר אויך זיכער דאס איהר קריגט פרישע און אמת געשלאכטע טשיקנס.

איהר זאלט ברייגגען א ארדענונג אין די כשרות, און זעהען די שוחטים זאלען ניט האבען דאגת היונה, דען דאס איז שטארק נוגע צו די כשרות, איהר טארט ניט צולאָזען מען זאל ארוים רייסען זייער ביסען ברויט פון מויל.

איהר מוזט זאגרען מען זאל תיכף נעהעמען איין עהרליכען אמת׳ן רב, א גדול בתורה, דען איהר מוזט וויסען דאס איהר האט ניט אויף וועמען זיך צו פארלאָזען אפילו אין א רעכטע שאלה, איהר האט ניט ווער עס זאל קענען מסדר זיין א גט כדין.

איך ווינש אייך אלעמען געזונט און פרנסה, איהר זאלט זוכה זיין צו האדעווען אייערע קינדער און זיי מאכען פאר גוטע אידען. און האבען פון זיי נחמה און מיר זאלען זוכה זיין לישועה ולנחמה, אמן.

## חיים פישל עפשטיין

שהיה רב דפ״ק

ועתה רב בברוקלין נ.י. ומקודם הרב דליבוי וסייני